מורשת אור החיים הקדוש
הוצאת ספריו וכתביו הק'
ומפעלים להפצת תורתו

משתגעין ומתלהטין ב

תורת האור החיים הקדוש

פרשת קורח

מוסר חיים
לקח מהפרשה במשנת רבינו

בשמי"ם ראש – לזכות ידידנו הרה"ח רבי יהודה בן שרה מרים הי"ו ווייס

דווקא פון א "בשר ודם" האט דער אויבערשטער די גרעסטע נחת רוח

ווען קרח האט פארזאמלט זיין געמיינדע האט דער אויבערשטער געזאגט פאר משה רבינו (טז, כא) **"הִבָּדְלוּ מִתּוֹךְ הָעֵדָה הַזֹּאת וַאֲכַלֶּה אוֹתָם כְּרָגַע"** אז ער גייט זיי אלע פארלענדן. זענען משה און אהרן געפאלן אויפן פנים און געזאגט: **"אֵ-ל אֱלֹקֵי הָרוּחוֹת לְכָל בָּשָׂר"** - צו דען ווייל איין מענטש זינדיגט ווילסטו צערענען אויף די גאנצע געמיינדע?! איז דער אור החיים הק' מסביר, פארוואס משה און אהרן האבן גענוצט דווקא דעם לשון **"אֱלֹקֵי הָרוּחוֹת לְכָל בָּשָׂר"**, ווייל זיי האבן דא מתפלל געווען אזא תפילה וואס דער אויבערשטער וועט זיכער מוזן אננעמען.
זייער טענה איז געווען, אז אמת טאקע די מענטשן האבן זיך דא זייער פארזינדיגט און עס קומט זיי א הארבע שטראף. אבער עס זענען דא פארשידענע דרגות פון לויב וואס דער אויבערשטער וויל: די ערשטע דרגה איז; די לויב וואס ער באקומט פון די **מלאכים**. העכער דעם איז; די לויב וואס ער באקומט פון **די נשמות פון די צדיקים**, סיי די וואס זענען נאכנישט אראפגעקומען אויף דער וועלט, און סיי די וואס זענען שוין געווען דא אונטן און זענען שוין צוריק ארויף אין הימל, וואס זיי אלע געבן א שבח והודאה פאר השי"ת און ער האט פון דעם א געוואלדיגע נחת רוח.

אבער די העכסטע דרגה איז; די לויב וואס ער באקומט פון **די נשמות וואס זענען אין א גוף** אויף דער וועלט! **פון זיי האט ער די גרעסטע נחת רוח!** טאקע ווייל זיי זענען אין **א גוף** וואס ציט בדרך הטבע אוועק פונעם אויבערשטן און זיי זענען זיך מתגבר יא צו לויבן דעם אויבערשטן, מאכט דאס אים די גרעסטע נחת רוח!

האבן משה און אהרן געזאגט: רבונו של עולם, אפילו אז די מענטשן האבן געפערליך געזינדיגט, אבער אויב גייסטו יעצט זיי אלע פארלענדן גייט דיר דאך פעלן א מורא'דיגע נחת רוח וואס דו האסט **נאר פון זיי!** דער נחת רוח וואס איז דאך די העכסטע פון אלע! ממילא לוינט דיר איינצוהאלטן דיין כעס און זיי נישט פארלענדן. וועגן דעם האבן זיי געזאגט: **"אֱלֹקֵי הָרוּחוֹת לְכָל בָּשָׂר"**, ווייל **"רוּחַ"** איז א לשון פון **ווילן** (יחזקאל כ, לב; "והעולה על **רוחכם**"), זיי האבן געמיינט צו זאגן; **דיין גרעסטע ווילן** באשעפער איז דאך צו הערן די לויב פון א **בשר ודם** וואס געפונט זיך אין א גוף גשמי! ממילא לוינט דיר בעסער נישט מעורר צו זיין דעם מידת הדין זיי צו פארלענדן ח"ו, ווייל דעמאלטס וועט דאך נישט נתמלא ווערן דיין העכסטע ווילן!

אין ספר **"חפץ ה'"** איז דער רבי מסביר די גמרא (שבת פח:) אז ווען משה רבינו איז ארויף אין הימל מקבל צו זיין די תורה האבן זיך די מלאכים קעגנגעשטעלט און גע'טענה'ט: רבש"ע, די הייליגע תורה ווילסטו געבן פאר א "בשר ודם"?! האט דער אויבערשטער געהייסן משה רבינו זיך אנכאפן אינעם כסא הכבוד און ענטפערן א תשובה. האט משה רבינו געפרעגט: וואס שטייט אין די תורה? און ער האט אויפגעוויזן ווי אלע מצוות התורה פאסן זיך נאר פאר א "בשר ודם".

איז דער רבי מסביר, אז די **"פנימיות התורה"** איז אזוי הייליג אז סתם א מענטש קען דאס נישט משיג זיין. אבער דער אויבערשטער האט "מלביש געווען" די תורה אין **פשט** - וואס אפילו פשוט'ע מענטשן קענען פארשטיין, ווי למשל: "לא תרצח" או"ו. און ווי מער א מענטש פלאגט זיך אויף "פשט" פון די תורה ווערט ער אלס לויטערער ביז ער קומט אן צו די דרגה פון א מלאך צו קענען משיג זיין די הייליגקייט פון די "פנימיות התורה".

וועגן דעם האבן די מלאכים זיך געוואונדערט; **"אַתָּה מְבַקֵּשׁ לִיתְּנָהּ לְבָשָׂר וָדָם"**?! קען דען די קדושת התורה אנטפלעקט ווערן פאר א "בשר ודם"?! איז משה רבינו'ס ענטפער געווען: **"מַה כָּתוּב בָּהּ"** - וואס **שטייט** אין די תורה? דאס הייסט פאר א "בשר ודם" איז מען טאקע נאר מגלה די **פשט** וואס **שטייט געשריבן**, נישט די **פנימיות התורה**. מיט דעם האבן זיך די מלאכים בארואיגט.

שטייט אין ספר **"דברות שלמה"**, אז לויט דעם הסבר קען מען זאגן, אז דער אויבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו **כאפ דיך אָן אין מיין כסא הכבוד**, צו זאגן אז נאר ווען א **בשר ודם** וואס געפונט זיך אין **עולם הגשמי** פלאגט זיך אויף די תורה, ווערט **דורך אים** נתגלה דעם אויבערשטנ'ס געטליכקייט אויף די וועלט און אזוי קען ער אנקומען זיך אנצוכאפן אינעם **"כסא הכבוד"** - צו ווערן א "מרכבה לשכינה". ווייל ווען א מענטש אין א גוף גשמי שטרענגט זיך אן זיך צו באהעפטן אינעם אויבערשטן קומט ער אן צו די העכסטע דרגה!

פניני חיים
פנינים מובחרים מעובדים ומתומצתים על פי דברי רבינו

בש"ם בצלאל
לע"נ הרה"ח רבי משה שמואל ב"ר בצלאל ז"ל

קורצע געדאנקען באארבעט על פי דברי רבינו

וַיִּשְׁלַח מֹשֶׁה לִקְרֹא לְדָתָן וְלַאֲבִירָם... וַיֹּאמְרוּ לֹא נַעֲלֶה. (טז, יב)
די תורה איז מדגיש **"וַיִּשְׁלַח מֹשֶׁה"** אז **משה רבינו** האט געשיקט רופן דתן און אבירם, צו זאגן אז משה רבינו האט געטון א קלוגן מיטל זיי צו בארואיגן. ווייל אז "משה רבינו" דער "מלך ישראל" און דער "נביא ה'" לאזט זיי פערזענליך רופן זיך דורכרעדן "פריוואט מיט זיי" איז דאך נישטא קיין גרעסערע חשיבות ווי דעם! אזוי האט ער געהאפט אז מיט'ן שענקען אזא ספעציעלע חשיבות וועלן זיי זיכער ווייכער ווערן.
אבער די מחוצפים האבן ברוב חוצפתם געענטפערט: **"לֹא נַעֲלֶה"** - עס אינטערעסירט אונז בכלל נישט די גרויסע **מעלה** וואס דו שענקסט אונז מיט'ן ספעציעל שיקן אונז צו לאזן רופן צו דיר.

וְהִקְרַבְתֶּם לִפְנֵי ה' אִישׁ מַחְתָּתוֹ חֲמִשִּׁים וּמָאתַיִם מַחְתֹּת וְאַתָּה וְאַהֲרֹן אִישׁ מַחְתָּתוֹ. (טז, יז)
פארוואס דרוקט די תורה אויס באזונדער **"וְאַתָּה וְאַהֲרֹן"**, ס'שטייט דאך שוין אינעם פריערדיגן פסוק **"אַתָּה וָהֵם וְאַהֲרֹן"**?
נאר משה רבינו האט געוואלט באטאנען אז קרח גייט מקטיר זיין די קטורת נאר מיט אהרן און נישט מיט די אנדערע 250 מענטשן. ווייל אויב קרח וואלט ווען מקטיר געווען צוזאמען מיט אלע, וועלטן מענטשן געקענט זאגן אז קרח אליינס איז באמת נישט שולדיג, נאר וויבאלד ער איז געווען צווישן **א גאנצע קבוצה** וואס האבן מקטיר געווען קטורת האט דאס אים געשאדט.
וועגן דעם האט משה רבינו אויסגעדרוקט אז די 250 קטורת'ן זאל מען ברענגען באזונדער, און **"וְאַתָּה וְאַהֲרֹן אִישׁ מַחְתָּתוֹ"** דו קרח זאלסט ברענגען דיין קטורת **בלויז מיט אהרן אליין**. אזוי וועט קלאר אנטדעקט ווערן אז אהרן איז כהן גדול און נישט קרח.

כִּי אֶת מַעְשַׂר בְּנֵי יִשְׂרָאֵל... נָתַתִּי לַלְוִיִּם לְנַחֲלָה עַל כֵּן אָמַרְתִּי לָהֶם בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא יִנְחֲלוּ נַחֲלָה. (יח, כד)
לכאורה איז שווער, ווייל דא אין פסוק זעט מען אז די מעשר קומט זיך פאר די לויים אנשטאטס **די נחלה** וואס זיי באקומען נישט אין ארץ ישראל. אבער פארדעם שטייט (פסוק כא) **"וְלִבְנֵי לֵוִי הִנֵּה נָתַתִּי כָּל מַעֲשֵׂר בְּיִשְׂרָאֵל לְנַחֲלָה חֵלֶף עֲבוֹדָתָם אֲשֶׁר הֵם עֹבְדִים אֶת עֲבֹדַת אֹהֶל מוֹעֵד"**, זעט מען דאך אז די מעשר באקומען זיי פאר **זייער עבודה** אינעם משכן?!
נאר די מעשר וואס שבט לוי באקומט האט צוויי באזונדערע מעלות. איינס, די **עצם פירות** וואס זיי באקומען. און בנוסף לזה, אז זיי באקומען **פערטיגע** פירות, אָן זיך צו דארפן פלאגן אזויווי די פעלד ארבייטער וואס דארפן ביטער שוויצן ביז זיי זעען גרייטע פירות.
דערפאר זאגט די תורה צוויי זאכן; איינס: אז די **עצם פירות** וואס די לווים באקומען, דאס איז אנשטאטס **די נחלה** וואס זיי האבן נישט באקומען, וועגן דעם דארפן אלע אידן זיי פארזארגן מיט פרוכט. צווייטנס: דאס אז זיי באקומען עס גרייט **אָן קיין פלאָג**, דאס איז צוליב **זייער ארבעט** אין משכן, כדי זיי זאלן זיין באפרייט צו די עבודה נישט זייענדיג פארנומען מיט עפעס אנדערש.

צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער איבערצוגעבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998 אדער שיקט אן אימעיל צו: torahsohrhachaim@gmail.com

הלכה ודרוש

הצדיקים יכולים להפקיע הזכויות שביד הרשעים

וַיֹּאמֶר אֶל ה' אַל תֵּפֶן אֶל מִנְחָתָם. וְאִם תֹּאמַר, אֵיךְ יְבַטֵּל מִדָּתוֹ יִתְבָּרַךְ לַאֲנָשִׁים הָהֵם לְעַוֵּת מִשְׁפָּטָם. דַּע, כִּי הַצַּדִּיקִים יֵשׁ כֹּחַ בָּהֶם לְהַפְקִיעַ זְכוּת הַנִּמְצֵאת לָרְשָׁעִים כְּשֶׁיִּרְאוּ שֶׁהֵם מֻחְלָטִים בָּרַע, וְהוּא סוֹד (שמואל ב' כג, ג) "צַדִּיק מוֹשֵׁל בְּיִרְאַת אֱ-לֹהִים", פֵּרוּשׁ, מוֹשֵׁל בְּיִרְאַת ה' שֶׁיַּעֲשֶׂה הָאָדָם אִם יֵרָאֶה בְּעֵינֵיהֶם לְהַפְקִיעַ זְכוּתוֹ מִמֶּנּוּ, יֵשׁ כֹּחַ בְּיָדָם, מַה שֶּׁאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כִּבְיָכוֹל עוֹשֶׂה, וְתִמְצָא בַּדִּין שֶׁלְּמַטָּה כַּיּוֹצֵא בַּדָּבָר, שֶׁיְּכוֹלִין בֵּית דִּין לְהַפְקִיר נִכְסֵי אָדָם רָשָׁע, כְּאוֹמְרָם (גטין לו, ב) הֶפְקֵר בֵּית דִּין הֶפְקֵר (טז טו).

הגה"ק רבי חיים פאלאג'י בספרו **נפש חיים** (מערכת ז"ן אות יד), העיר מדברי הגמ' בסנהדרין (קד, ב) שאנשי כנסת הגדולה רצו למנות את שלמה המלך בין אותם אנשים שאין להם חלק בעוה"ב, ויצאתה בת קול ואמרה שלקבוע מי יש לו חלק לעוה"ב אינו תלוי בבחירת אדם, אלא רק ברצונו של הקב"ה. וסיים דיש ליישב, ולא ביאר הכוונה.

ואפשר, דיש לחלק, שמש"כ רבינו שיכולין להפקיע, זהו רק כשאדם עדיין בחיים, דהא ממילא שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, וכשיגיע לבית דין של מעלה יהיה ערום מן המצוה שהפקיעו ממנו חכמים, [וזה דומה למ"ש 'תורה לא בשמים היא' ומסור ביד חכמי הדור בזה העולם]. מה שאין כן כשבאים לדון לאחר פטירתו מן העולם, אז כבר תלוי ברצונו של הקב"ה, ואין חכמים יכולין להפקיע המצוות.

אם יש כח בכלל ישראל להוציא המורדים מכלל האומה

וכעין דברי רבינו מבואר ב**חתם סופר** בהגהותיו על השו"ע (או"ח סימן לט על המג"א סק"ד), שהביא מה שהקשה ה**תוספות יום טוב** (נדה פ"ז מ"ד ד"ה מפני), דאם כותים גירי אמת הן, איך עשאום כנכרים לטהר נדות ואהלות שלהם. וכתב ליישב וז"ל: ונראה לפענ"ד שיש כח בכלל ישראל להוציא המורדים מכלל האומה ויחזרו לגוים גמורים אף להקל. וזכר לדבר, "ראה ויתר גוים" (חבקוק ג, ו) שהתיר להם ז' מצות (בבא קמא לח, ב), אף על גב דלאו ראיה גמורה היא, מכל מקום כן נראה לי. והם נמנו וגמרו להוציאם מברית ישראל לגמרי... ומצינו בעזרא "יחרם כל רכושו והוא יבדל מקהל הגולה" (י, ח), משמע שהוציאם מכלל ישראל, ע"כ.

וראה עוד בשו"ת **מהר"ם שיק** (או"ח סימן שג) שכתב: אבל במומרים שדינם כגוי ויצאו ופירשו עצמם במעשיהם מכלל ישראל, כבר ביאר **בעל העקידה** (שער ע"ח) בפרשת קרח שזו היתה תפילת משה רבינו עליו השלום "האיש אחד יחטא" וגו', שפירש עצמו מן הכלל ויצא מן שלשלת וחיבור ישראל שהם כאיש אחד וכגוף אחד אחוזים זה בזה שאחד נפגע על ידי חבירו, אבל זה שפירש מן הכלל אינו שייך לנו ואינו מתחשב עמנו ואין לענוש לאחרים בעבורו ומה לו ולנו, ואינו קרוי 'עמיתך', והשי"ת הסכים עמו, ואמר שרק זאת החיוב עלינו לעשות "סורו נא מעל אהלי האנשים הרשעים" (פסוק כו), ובזה לא יגיע אליכם שום רעה. וכתב בעל העקידה שם, שמזה נהגו אבותינו לנדות המורדים והפושעים. ועתה שניטל מאתנו מאת המלכות הכח, מכל מקום בלי שום נדוי, חיוב זה עלינו לסור מעל אהלי האנשים הרשעים, ולא יאונה לנו כל און, ואם כן אם אין בידינו למחות והם מומרים, לכולי עלמא אין עלינו מצות תוכחה, ע"כ.

אם בחלק גבוה שייך הפקר בי"ד הפקר

ובשו"ת **שערי אריה** (עמ' עו ועמ' קצד) כתב, שלכאורה יש לתמוה על דברי רבינו, דהא ביבמות (עט, ב) אמרינן 'חלקנו נתיר, חלק מזבח מי יתיר', [והיינו, שביקשו לפטור את הנתינים מעבדות להיות בני חורין, ועל זה אמר רבי, 'חלק מזבח מי יתיר', שהם היו משועבדים גם למזבח]. ופרש"י, דלחלק ישראל שייך הפקר בי"ד הפקר, אבל לא לחלק המזבח, וא"כ הרי תורה ומצות הוא חלק שמים, ודומה לחלק מזבח, ולא שייך לומר בזה הפקר בי"ד הפקר. [ועיין בתוספות בכתובות (כט, א ד"ה אלו נערות)].

אך הביאור בזה, דעיקר הטעם שבחלק מזבח לא שייך הפקר בי"ד הפקר, משום שאם בי"ד יפקירו חלק המזבח יהיו הבי"ד מועלים בהקדש בזה שהם מפקירים ממונם, וכמו שביאר ב**מנחת פיתים** (יור"ד שירי מנחה סי' קס). וא"כ מבוארים היטב דברי רבינו, דבתורה ומצות שלא שייך בהם דין מעילה, שפיר שייך לומר הפקר ב"ד הפקר.

[**בספר חשוקי חמד** (עבודה זרה ב, ב) מציין דיון נפלא, ביהודי רשע גדול, שנאבד לו סכום גדול של כסף, ראה שם בתוכן הדברים. וכתב שלפי דברי רבינו אלו, אפשר שראוי להפקיע מהרשע זכות הצדקה.]

אגדה וחסידות

משה רבינו נתכוין להמתיק הדינים ולעורר חסד א־ל

וַיֹּאמְרוּ אֵל אֱלֹהֵי הָרוּחֹת וְגוֹ'. אָמַר שֵׁם אֵ־ל, לְצַד שֶׁרָאָה הִתְעוֹרְרוּת תִּגְבֹּרֶת הַדִּינִים הִזְכִּיר חֶסֶד אֵ־ל לְמַתֵּק הַדִּינִים (טז, כב).

בספר **מלבוש לשבת ויו"ט** הקשה, ד**בזוה"ק** (ח"ג קעו, ב. מתורגם ללשה"ק) איתא: "ויפלו על פניהם ויאמרו א־ל אלהי הרוחות לכל בשר", בא וראה, משה ואהרן מסרו נפשם למיתה, מנין, מדכתיב "ויפלו על פניהם ויאמרו א־ל א־להי הרוחות", רוחת כתיב חסר וא"ו [- שהוא אות החיים], ומזה ידענו שאילן המות הוא, ובכל מקום נפילת אפים לאותו מקום הוא, ועל זה נאמר א־ל א־להי, א־ל, זהו שכתוב (תהלים ז, יב) "וא־ל זועם בכל יום", עכ"ל. הרי מבואר להיפוך, שעוררו מדת הדין בבחינת א־ל זועם בכל יום.

ותירץ, שבתחילה היה שם מידת הדין בבחינת א־ל זועם, אבל מאחר שמשה ואהרן מסרו נפשם כמו שכתב הזוה"ק, בזה גרמו המתקת הדינים בבחינת חסד א־ל כל היום.

וכ"ק מרן אדמו"ר מצאנז שליט"א (פרשת קורח תשע"ח) ביאר בזה, בהקדם מש"כ ה'בני יששכר' בספה"ק **אגרא דפרקא** (אות קי"ד) וז"ל, "דאגה בלב איש ישיחנה" (משלי יב, כה), ודרשו רז"ל (יומא עה, א) 'ישיחנה לאחרים', וטעמא בעי מהו הסגולה. ונ"ל דהנה כשח"ו נגזר על האדם איזה צער או איזה הפסד וחולי על שונאי ישראל, הנה האיש ההוא מצטער ביותר בעצם הצער.

והנה, גם קרוביו ומיודעיו ואוהביו ורעיו מצטערים בצערו כל אחד בפחות ויתר כפי קרבתם אליו ואהבתם אליו. והנה, אם הוא חטא ויחוייב אליו הצער ח"ו, מה חטאו אוהביו וקרוביו שהגיע עליהם צער מצער אוהבם, ואי אפשר לומר אשר ח"ו יהיה להם עיוות הדין שיצטערו הם שלא חטאו, על חטא אוהבם אשר חטא.

ע"כ צריך לומר, "הצור תמים פעלו כי כל דרכיו משפט", וע"כ בעת הגיע הצער ח"ו לאיזה איש משונאי ישראל נידונים בזה כל הקרובים ומיודעים, וכאשר יתחייב להם כל אחד הצער בפחות ויתר, אזי חל העונש ומקבל כל אחד הצער כפי אשר חטא. ובאם יהיה אחד מהקרובים ומיודעים אשר לא יתחייב העונש, אזי מן ההכרח ש**ינצל האיש החוטא הקרוב מהצער והעונש** כי ע"י צערו יצטער גם קרובו הצדיק והשי"ת לא יעוות משפט.

וזאת היא העצה הנאמנה, דאגה בלב איש ישיחנה לאחרים, אפשר ימצא איש אשר לא יחויב אליו צער, ויצטער בצערו, ובהכרח **יסיר השי"ת מאתו הצער כדי שלא יצטער הצדיק**. ומעתה תבין מה טוב ויפה לאדם לספר צערו לצדיק, כי אפשר ואפילו לא יתפלל בעדו, כאשר רק יצטער הצדיק בצערו, יסיר השי"ת צערו בכדי שלא יצטער הצדיק. תן לחכם ויחכם עוד ודעת לנבון נקל, עכד"ק.

וראה עוד בענין זה מה שכתב בנו בספה"ק **צמח דוד** כאן לפרש ע"פ יסוד זה הני מקראי קודש.

ולפ"ז יבואר מה שהתפלל משרע"ה ואמר "א־ל א־להי הרוחות לכל בשר האיש אחד יחטא ועל כל העדה תקצוף", נתכוין לבקש שהרי אתה ה' אינך מעניש את האדם אם ע"י כך יצטערו גם אחרים שאין בדין להענישם כנ"ל.

ומעתה נמצא שדברי הזוה"ק עולין בקנה אחד עם דברי רבינו, שבאמת נתכוין משה רבינו לרמוז שתי הבחינות של שם א־ל, לומר, כי אם יהא ח"ו בחי' א־ל זועם, נמצא שגם אחרים אשר הם בגדר זכאים, ואינם ראויים לעונש, בהכרח יסבלו ויצטערו, ובזה גופא נעשה חסד א־ל כל היום, ומתעוררת מידת הרחמים, כמו שכתב ה'אגרא דפרקא'.

מתיקות ועריבות טוב התורה

מאות מגידי שיעור והוגי תורת האור החיים הקדוש מעידים:
עם הספר 'כל הכתוב לחיים' הכולל אלפי ביאורים מגדולי הדורות על ספר "אור החיים" הקדוש, מרגישים 'מתיקות ועריבות' בדברי האור החיים הקדוש, ומגלים צפונות ונפלאות בתורתו הקדושה, עד בכדי ש'משתגעין ומתלהטין אחריה'.
להשיג בכל חנויות הספרים, או בקו ה'מורשת' 0733.713.620

הקמת 'מדרש כנסת ישראל'

מעמיד תלמידים

יותר משהיה רבנו בבחינת 'מקבל' מיהודי ליוורנו, היה הוא ה'משפיע'. והשפעתו, לא רק בהימצאו של צדיק הדור בקרבתם, אלא גם בטללי תחיה שהרעיף עליהם, בישיבת החכמים המופלגים אשר נוסדה בביתו, ובקהילות שהקהיל ברבים ובדעת ויראה שלימד את קהל ה'.

כאשר יתואר בהרחבה, ההשתהות באיטליה נוצלה בידי רבנו כדי לקבץ תלמידים שייאותו להצטרף אליו בעלייתו לארץ ישראל. הוא לא הסתפק בשני התלמידים שבאו עמו ממרוקו - הגאון רבי דוד חסאן זצ"ל והגאון רבי שם טוב גבאי זצ"ל - ואסף כעשרים בני עלייה באיטליה, שהצטרפו ועלו עמו ארצה.

[מעניין לגלות בשמות התלמידים העולים, כמה ששמות המשפחה שלהם מלמדים על מוצאם ממרוקו. איברא, אין לדעת אם היו בין המסתופפים בצלו במרוקו ובאו בעקבותיו לאיטליה, או שהיו ממשפחות שעקרו ממרוקו לאיטליה ושם פגשם רבנו והלהיב את לבם להצטרף לחבורתו.]

על גדולתם של התלמידים שנאספו סביב רבנו באיטליה לעלות עמו, שהיו 'גברא רברבי', מעידים חכמי מודונא בהסכמתם לספר 'פרי תואר', בזו הלשון: "על השבח דשבחוהו רבנן, מכלל דשפיר עבד, ועבדי עובדא כותיה, נקטי בשיפולי גלימיה ואזלי אבתריה, וסמכי עילויה בני סמיכי, וגברא רברבי נפקי מהתם ומהכא, וכוונו להליכה, ולמעשה רב". ואף התלמידים עצמם כתבו - בהקדמתם לספר 'ראשון לציון' - על עלייתם לארץ ישראל כדי להסתופף בצל חכמתו: "כי עזבנו ארץ מולדתנו, ובזרועו קבצנו מסוף העולם ומקצוי ארץ, ובאנו אל הארץ להסתופף בצל החכמה אשר אמרנו בצלו נחיה באברתו יסך לנו".

בעודו עוסק בהשלמת ספריו ובהתקנתם לדפוס, עיסוקו המרכזי של רבנו היה - הרבצת תורה. סביבו התקבצו צורבים, שחבשו את ספסלי בית מדרשו ונמנו כתלמידיו המובהקים. לא הסתפק רבנו בתלמידיו שבאו עמו ממרוקו, ולא אמר די בקיבוץ הצורבים שנוספו להם בליוורנו, וביקש להרבות ספסלים בבית מדרשו. לשם כך, סובב בקהילות ישראל באיטליה וחיפש את הצמאים לדבר ה' אשר חוננו בלב מבין, כפי שתיאר במכתב לק"ק קסאלי (בשנת תק"א):

במענה רך לנפשי אמרתי, ובעיני עצמי נקלותי, וממקום מושבתי נדדתי על נדוד, נד ממקומו ועזב לאומו והדומו, ואוריד לארץ ראשי על כנף כבודי ומרים ראשי, ואצא סובב סביבות הנפוצות, נדחי צאן אסופות [... ... ...] ללמוד וללמד לכל בא ולומד, גם לחזר אחרי ילידי עם ה' לאמר להם, בא ברוכי ד', זו תורה וזו שכרה, ועל שכמם תהיה המשׂרה לרומם דגל התורה". עולים הדברים בקנה אחד עם מה שכתב רבנו בהקדמה ל'אור החיים': "כי מלאכת שמים על שכמי שמתי, מימי חורפי ללמוד תורה לחפץ ללמוד, גם לחזר אחרי היכולים להבין.

הגאון רבי שלמה חסאן זצ"ל - בהקדמה לספר 'קדשי דוד', לאביו הגאון רבי דוד חיים שמואל חסאן זצ"ל, מגדולי ומובהקי תלמידי רבנו - ציין בהנהגת רבנו: "כל ימיו של אותו צדיק הרבה גבולו בתלמידים". וראה עוד שם אריכות הדברים בציטוט לשון תלמידי רבנו, בהקדמתם לספרו 'ראשון לציון'.

וכמים הפנים לפנים, כמו חשו התלמידים באהבתו הגדולה של רבנו לכל מבקש תורה ובתשוקתו האדירה להאיר עליהם מאשו הגדולה, היו נמשכים אחריו בעבותות של אהבה, נכרכים אחר עקבותיו ומשתוקקים למוצא פיו. כאשר תיארו רבני אלג'יר בהסכמתם ל'פרי תואר': "וכל העם הרואים התאוו תאווה וחשוקים, כסף מלא נכספה וגם כלתה נפשם להיותם אחוזים אדוקים בעשרה מיני דבקים, דבק טוב בעץ חיים מחזיקים, ולמינקט בשיפולא דגלימיה ולמרהט אבתריה ברחובות ובשווקים, לשמוע בלימודים, תורה יבקשו מפיהו, אמיתה של תורה חתומה ניתנה לו ולזרעו אחריו, תיקא ונרקתא דאורייתא".

בהיותו נצר למשפחת נגידים, וכדרך שראה אצל אביו וחותנו שהחזיקו לומדי תורה וכלכלום על שולחנם, סלל רבנו את דרכו בנתיבם ואת שומעי לקחו הסמיך על שולחנו. וכתבנית היכלו בליוורנו, שכל מסילת חיי התלמידים במחיצתו, שקד לייסד ולכונן את ישיבתו 'כנסת ישראל' בעיר הקודש ירושלים.

לא דבר של מה בכך היה רצונו של רבנו, לקבץ חבורה של בני עלייה שיעלו עמו לארץ ישראל ויעסקו שם בתורה מתוך דחק ומחסור. היה עליהם לעזוב את ארץ מולדתם ובית אבותם, על דעת שלא לשוב, בבחינת הכתוב (דברים לג, ט) "האומר לאביו ולאמו לא ראיתיו ואת אחיו לא הכיר ואת בניו לא ידע". חלק מן התלמידים היו בעלי משפחות ונטלו עמם את בני משפחותיהם, ומיעוטם בחורים שעלו בגפם. אחד מבני החבורה, רבי שמואל נחמני זצ"ל, נישא תקופה קצרה לפני הנסיעה ועלה עם זוגתו ומשפחתה (וגם אחי אשתו נמנה בחבורת לומדי הישיבה), אך תקופה קצרה לאחר שהגיעו לארץ ישראל חלה ונפטר. רבנו תלה תקוות רבות בתלמיד זה, אותו אהב כבן ודאג לכל מחסורו, ופטירתו בקיצור ימים ושנים צערה אותו מאד.

לחבריא קדישא של רבנו הצטרף רבי משה נאג'ארה, איש ירושלים, ששהה באיטליה וניצל את ההזדמנות להצטרף לקבוצת העולים לארץ ישראל. בשנת תק"ג שב רבי משה נאג'ארה ונסע לאיטליה, וכנראה שביקר את חברי ועד 'כנסת ישראל' ומסר להם דרישת שלום מחכמי הישיבה.

[נראה שמשפחתו היתה מאיטליה, ולכן היה רגיל במסעות אלו. במסעו בשנת תק"ג, ביקש ממנו הגאון רבי אברהם שמואל ריקי זצ"ל שיפיץ את ספרי אביו, המקובל רבי עמנואל חי ריקי זצ"ל. באותו מסע, עבר רבי משה דרך ארם צובא ומשם הביא למנטובה להדפיס את הספר 'מאור עיניים' על אגדות הש"ס, להגאון רבי יאשיהו פינטו זצ"ל - בן אחותו ומחותנו של המקובל האלוקי רבי חיים ויטאל זי"ע, המכונה הרי"ף, שהיה ראש בית הדין בדמשק והיה מכונה 'הרב המוסמך', על שם סמיכתו בידי הגאון רבי יעקב אבולעפייא זצ"ל (זקנו של הגה"ק רבי חיים אבולעפייא זצ"ל מטבריה). לאחר הסתלקות מהרח"ו, מילא מקומו בהנהגת הקהילה בדמשק, אך לאחר כמה שנים החליט לעלות לארץ ישראל ולהתכונן לקראת קבלת פני משיח צדקנו. בצפת, בה התיישב, נפטר על פניו בנו, רבי יוסף זצ"ל, והוא בן עשרים וארבע שנים בלבד, וכדי לשכח יגונו החל לעסוק במילי דאגדתא והיה כמעיין המתגבר. לפירושו על אגדות 'עין יעקב' (על שמו כינויו 'הרי"ף דעין יעקב'), קרא 'מאור עיניים', לזכר שהיה מייחל שיאיר את עיניו באבלו המר. (ספריו הנוספים: 'כסף מזוקק' ו'כסף נבחר' על התורה, 'כסף צרוף על ספר משלי 'כסף נמאס' על מגילת איכה, 'שו"ת נבחר מכסף' ו'קבוצת כסף' בהלכה). על שער הספר 'מאור עיניים' שנדפס במנטובה בשנת תק"ג, נכתב: "הם חידושי מהר"ר יאשיהו פינטו זצ"ל על החלק השני של 'עין יעקב', כי לא נדפסו מן קדמת דנא אלא על החלק ראשון. ועתה לזכות את הרבים בתשלום החיבור, כי עד עתה חסורי מחסרא, העיר ה' את רוח מעלת החכם הר"ר משה נאג'ארה להדפיסו, כי באה מצוה לידו על ידי הטופס של הרב המחבר והוציא לאור תעלומות חכמתו"].

כנראה, לא כל התלמידים נסעו עם רבנו לארץ ישראל, וחלקם שהקדימוהו בעלייתם ואחרים שהגיעו בעקבותיו. באגרת שכתב רבנו מפקיעין לחברי 'כנסת ישראל' במודונא , ציין: "ובסוף חדש תמוז קבלתי אגרת בשורה מהחכמים תלמידֵי שבירושלים, ה' ישמרם, כי סילק ה' חרון אפו מירושלים ולא ישמע עוד שוד ושבר, ונעצרה המגפה גם מהגויים ומהערלים זה לה ארבעים יום". תלמידים אלו שהתגוררו בירושלים ולא שהו עם רבנו בעכו ובפקיעין, בוודאי הקדימו ועלו לפניו, שכן רבנו וחבורתו לא נסעו לירושלים מחמת אותה מגיפה שהשתוללה בה במהלך שנת תק"ב. [ועדיין אין בכך ראיה גמורה, כי יתכן ושגגת המעתיק היא, ואילו רבנו כתב שקיבל בשורה מהתלמידֵי חכמים שבירושלים, ולא היתה כוונתו על תלמידיו שלו.]

ראיה חזקה הימנה, יש להביא מדבריו של הגאון רבי יוסף שאלתיאל זצ"ל, בספרו 'יוסף אברהם' (פרשת שמות): "וכן שמעתי מרב וגדול ז"ל, באחד מתלמידי הרב מהר"ח ן' עטר ז"ל הלך לירושלים תובב"א, ובנסוע האדון לארץ ישראל חילה פני רבו שיתן לו כתב לבני ירושלים. ואמר לו, אין לי אוהבים ומכירים שם, אלא אתן לך כתב לשכינת עוזינו ובלכתך שם תשים כתב זה בחור אחד של כותל המערבי דבית המקדש, וכן עשה ונזדמנו לו מזונותיו".

זעלטענע מדריגות פון קדושה און פרישות

צווישן די תוארים וואס חכמי דורו פונעם אור החיים הק' ווי אויך צדיקי הדורות דרוקן אויס אויפן אור החיים הק' זענען שטארק בולט די תוארים **"חסיד" "קדוש"** און **"פרוש"**, וואס ברענגען ארויס זיינע זעלטענע מדריגות פון חסידות קדושה און פרישות וואס עס איז נישט געווען זיינסגלייכן אפילו ביי די גרעסטע צדיקי הדור. אזוי טרעפן מיר אין די הקדמה צום ספר **"מאור החיים"** פון איש אמונו פונעם אור החיים הק' אין ליווארנא רבי **משה פראנקו** ז"ל וואו ער שטעלט פאר ווען דער אור החיים הק' איז געקומען קיין ליווארנא זומער שנת תצ"ט **"וּכְבָר יָצָא שְׁמוֹ בְּכָל הָעוֹלָם מֵחֲסִידוּתוֹ וּמֵרֹב חָכְמָתוֹ"!**

אזוי אויך טרעפן מיר אין די הסכמה צום ספר "אור החיים" פון חכמי קהילת מאדאנא ווי זיי שרייבן: **"הָרַב הֶחָסִיד וְהֶחָכָם הַמּוּפְלָג בְּחָכְמָה וּבְיִרְאַת חֵטְא וּפְרִישׁוּת גְּדוֹלָה בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה"**. און אין די הסכמה צום ספר "פרי תואר" שרייבן זיי: **"רֵישׁ מָתָא וְרֵישׁ מְתִיבְתָּא מַר חֲסִידָא... הַדּוֹר אַתֶּם רְאוּ אֶת דְּבַר ה' - אֵין דְּבַר אֶלָּא מַלְאָךְ, הַהוֹלֵךְ וְעוֹשֶׂה חָסִיד בְּכָל מַעֲשָׂיו לְשֵׁם שָׁמַיִם"!** און אזוי זענען דא נאך אסאך אזעלכע אויסדרוקן וואס באהויפטן ספעציעל זיינע זעלטענע הפלגות אין חסידות און פרישות, ווייל דער אור החיים הק' איז באמת געווען באזונדער אויסגעצייכענט אין אט די מידות.

אלע זיינע וועלטליכע זאכן פלעגט ער טון מיט מורא'דיגע הידורים און חומרות "לפנים משורת הדין", נישט וועלנדיג האבן קיין שום שייכות מיט אלע עניני עולם הזה פון וועלכע ער האט זיך פורש געווען ממש בתכלית הפרישות!

ער פלעגט זיך מסגף זיין מיט מורא'דיגע סיגופים און פאסטן אסאך תעניתים, אזויווי הגאון רבי **מלאכי הכהן** זצ"ל דרוקט זיך אויס אין זיין "קינה" אויפ'ן פטירה פונעם אור החיים הק': **"מִיּוֹם הֱיוֹתוֹ - סָר לְמִשְׁמַע אֵ-ל, וְכָל יָמָיו - קְרָבָיו הֵם בְּצוֹם סוּגְפוֹ"**... אז פונעם טאג וואס ער איז געבוירן איז ער געווען געטריי צום אויבערשטן, און זיין גאנץ לעבן האט ער זיך מסגף געווען מיט תעניתים.

אויך דער הייליגער **חיד"א** ז"ל אין זיין ספר **"כִּכַּר לָאֲדֶן"** איז מעיד אויפן אור החיים הק': **"וַאֲנִי רָאִיתִי לְהָרַב הַמֻּפְלָא חֲסִידָא קַדִּישָׁא כמהר"ר חַיִּים ן' עָטָר זלה"ה שֶׁהִתְעַנָּה ג' יָמִים קוֹדֶם פּוּרִים רְצוּפִים לַיְלָה וָיוֹם, וְהִיא הַפְסָקַת ג' יָמִים שֶׁכָּתַב רַבֵּינוּ הָאֲרִ"י ז"ל שֶׁעוֹלֶה בִּמְקוֹם אַרְבָּעִים יוֹם"**. אז ער האט אליינס געזען ווי דער אור החיים הק' האט געפאסט פאר פורים דריי גאנצע מעת לעת ברציפות!

אין א שיעור חומש רש"י פון הרה"ק **קלויזענבורגער רב** זי"ע וואו האט ער געוואלט פארשטעלן ווי ווייט דער מושג "ליהנות מזיו השכינה" איז פון אונזער השגה, האט ער געזאגט: דער מושג וואס הייסט "נהנה זיין מזיו השכינה" איז נישט שייך ביי א מענטש וואס פילט נאך א טעם ביים עסן און טרונקען. **די מדריגה איז נאר שייך ביי גאר גרויסע צדיקים וואס זענען שוין אינגאנצן אויסגעטון פון אלע הנאות עולם הזה און פון יעדע ברעקל "ארציות"**. אזויווי למשל דער אור החיים הק', וואס ווען ער רעדט פון "דביקות אינעם אויבערשטן" רעכנט ער אויס פארשידענע לשונות פון אהבה און תשוקה. **אריינטראכטנדיג אין זיינע ווערטער זעט מען בחוש ווי זיין נפש איז ממש אויסגעגאנגען רעדנדיג פון "אהבת ה'"!**

די גדרי פרישות מיט וואס דער אור החיים הק' האט זיך געפירט איז געווען אויף א זעלטענעם פארנעם, און עס איז כמעט נישט בנמצא איינער וואס זאל אזוינס קענען באווייזן.

המקובל הגאון רבי **חיים שאול הכהן דוויק** זצ"ל האט נאכגעזאגט בשם דער בעש"ט הק' זי"ע, **אז דער אור החיים הק' האט זוכה געווען צו גאר הויכע מדריגות בזכות דעם וואס ער האט זיך נוהג געווען מיט געוואלדיגע גדרי פרישות**. אזוי ווייט, אז יעדעס מאל וואס ער האט זיך גענדארפט רייניגן דעם גוף, פלעגט ער זיך נאכדעם טובל'ען אויף זיך מטהר צו זיין.

אין ספר **"אוצר ישראל השלם"** [להרה"ח ר' ישראל ראזענצווייג ז"ל] שרייבט ער, אז ער האט געהערט פון הגה"צ רבי **ישראל יצחק רייזמאן** זצ"ל, אז דער בעש"ט הק' פלעגט זיך אויך טובל'ען נאך נקיות הגוף, אבער נישט אויף דעם באזונדערן אופן ווי דער אור החיים הק', נאר אזויווי וואס חז"ל זאגן אז די כהנים אין בית המקדש זענען געווען חייב טבילה. דער אור החיים הק' אבער האט נאכמער מהדר געווען, ער פלעגט זיך טובל'ען אפילו אויף וואס די כהנים האבן נאר גענדארפט מאכן "קידוש ידים ורגלים".

אזוי ווערט אויך געברענגט אין ספר **"ליקוטי מנשה"** פון הגאון רבי **מנחם מנשה** זצ"ל - מגדולי ירושלים הנסתרים, אז ער האט געהערט "מפי נאמנים" בשם הבעש"ט הק', אז דער אור החיים הק' איז אנגעקומען צו א העכערע מדריגה פון אים. שרייבט ער דארט, אז דער בעש"ט הק' האט געזאגט, **אז ער קען נישט משיג זיין דעם אור החיים הק', ווייל ווען ער מאכט אן "עליית נשמה" קומט שוין דער אור החיים הק' צוריק פון די עולמות העליונים**. און צו דעם אלעם האט ער זוכה געווען צוליב זיין געוואלדיגע גדרי פרישות און טהרת הגוף.

נאך א מורא'דיגע גדר וואס דער אור החיים הק' האט זיך געמאכט איז געווען, אז יעדעס מאל ווען האט גענדארפט ארויסגיין לנקיות הגוף **פלעגט ער זיך טוישן אלע זיינע בגדים פון קאפ ביז פוס** - אפילו די הוט און שיך - און זיך אנטון אנדערע בגדים וואס ער האט געהאט ספעציעל פאר דעם צוועק.

אמאל האט הרה"ק רבי **ישראל אביחצירא** זצוק"ל - "באבא סאלי" - געזאגט פאר זיין אייניקל כ"ק אדמו"ר רבי **דוד חי אביחצירא** שליט"א, **אז דער אור החיים הקדוש האט זיך נוהג געווען מיט אזעלכע זעלטענע גדרי קדושה אויף טהרת הגוף ווייל ער איז נתקדש געווארן בקדושת כהן גדול!**

אויפן פארלאנג פונעם ציבור, האבן מיר זיך בס"ד לעצטנס שטארק פארברייטערט מיטן דרוקן און מפיץ זיין דעם גליון ברחבי תבל, און מיט דעם ווענדן מיר זיך צו אייך, אזויווי די הוצאות זענען גרויס, און די זכות פון דרוקן און מפיץ זיין האט א געוואלדיגע כח הסגולה כידוע, ביטע נעמט השתתפות אין די מלאכת הקודש מיט'ן מנדב זיין א גליון לזכות אדער לע"נ.

צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער צו געבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998

אדער שיקט אן אימעיל צו: torahsohrhachaim@gmail.com

פאר סיי וועלכע פראגעס בנוגע דעם גליון, קענט איר רופן:

הרה"ח יהודה לייב זארגער שליט"א 917-681-0310 • הרה"ח אברהם ישראל הערשקאוויטש שליט"א 845-537-0839

וזכות רבינו הק' תגן בעדכם לרוב ברכה והצלחה וכל טוב

כל הזכויות שמורות למורשת אור החיים הקדוש הוצאה לאור והפצת מעיינות הקודש בראשות הרה"ג משה שווארץ שליט"א

מען למכתבים סוקולב 9\ב בני ברק ליצירת קשר בקו המורשת 0733.713.620 מייל G077-490-4173@gmail.com